STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11118

# VEGN LENINEN

Joseph Stalin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע
לענדער, פאראייניקט זיך!

## י. סטאלין

# וועגן לענינען

1. לענין אלס אָרגאניזאטער
און פירער פון ר. ק. פ.

ארטיקל צום 50־יאָריקן יובילײ פון לענינס געבורט
(„פראוודא" נומ. 86, אפרעל 1920 יאָר)

2. וועגן לענינען

רעדע אפן אָוונט פון די קרעמלער קורסאנטן 28 יאנואר 1924 י.

3. בײַלאגעס

פארטיי־פארלאג מינסק 1934

# לענינ
# אַלס אָרגאַניזאַטער
# אונ פירער פונ רקפּ

**אַרטיקל צומ 50־יאָריקנ יובילײ פונ לענינס געבורטס־טאָג**

(„פּראַװדאַ“, נומ. 86, אַפּרעל, 1920 י.)

---

עס עקזיסטירנ צװײ גרופּעס מאַרקסיסטנ [1]. בײדע אַרבעטנ זײ אונטער דער פאָנ פונ מאַרקסיזמ [2] אונ האַלטנ זיכ פאַר „עכט“ מאַרקסיסטישע. אונ דאָכ זײַנענ זײ װײַט ניט אידענטיש [3]. נאָכ מער: צװישנ זײ איז אַ גאַנצער אָפּגרונט, װײַל די מעטאָדנ פונ זײער אַרבעט זײַנענ דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכ.

די ערשטע גרופּע באַגרענעצט זיכ געװײנלעכ מיט אױסערלעכ אָנערקענענ דעמ מאַרקסיזמ, מיט פײַערלעכ פּראָקלאַמירנ אימ. ניט קאָנענדיק אָדער ניט װעלנדיק אַרײַנדרינגענ אינ טאָכ פונעמ מאַרקסיזמ, ניט קאָנענדיק אָדער ניט װעלנדיק פאַר־װירקלעכנ אימ אינ לעבנ, פאַרװאַנדלט זי די לעבעדיקע אונ רעװאָליוציאָנערע האַנאָכעס פונעמ מאַרקסיזמ אינ טױטע, גאָרניט זאָגנדיקע פאָרמולעס. [4] איר טעטי־קײַט באַגרינדעט זי ניט אױפ דער דערפאַרונג, ניט אױפנ דיסקאָנט פונ פּראַקטישער אַרבעט, נאָר מיט ציטאַטעס [5] פונ מאַרקסנ. אָנװײַזונגענ אונ דירעקטיװנ [6] שעפּט זי ניט פונעמ אַנאַליז [7] פונ דער לעבעדיקער װירקלעכקײַט, נאָר פונ אַנאַלאָגיעס [8] אונ פונ היסטאָרישע פּאַראַלעלנ. דאָס פאַנאַנדערגײנ זיכ פונעמ װאָרט מיטנ טאַט — אַזאַ איז די גרונט־קרענק פונ דער דאָזיקער גרופּע. פונדאַנענ זײַנענ די אַנטױשונ־גענ אונ דאָס אײביקע ניט צופרידנ זײַנ מיטנ שיקזאַל, װאָס האַלט זי אינ אײנ אונטערפירנ, לאָזט זי מיט אַ „נאָז“. דער נאָמענ פונ אָט דער גרופּע איז — מענשע־װיזמ (אינ רוסלאַנד), אָפּאָרטוניזמ (אינ אײראָפּע). דער כ׳ טישקאָ (יאָגיכעס) האָט אױפנ לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר גאַנצ טרעפלעכ כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע גרופּע, זאָגנ־דיק, אַז ניט זי שטײט, נאָר זי ליגט אױפנ שטאַנדפּונקט פונ מאַרקסיזמ.

די צװײטע גרופּע, פאַרקערט, טראָגט איבער דעמ שװערפּונקט פונ דער פראַגע פונ אױסערלעכ אָנערקענענ דעמ מאַרקסיזמ אױפ דורכפירנ אימ, אױפ פאַרװירקלעכנ אימ אינ לעבנ. דאָס אָנמערקנ די װעגנ אונ די מיטלענ צו פאַרװירקלעכנ דעמ מאַרקסיזמ, װאָס זאָלנ אַנטשפּרעכנ דער אומגעבונג, דאָס ענדערנ די דאָזיקע װעגנ אונ מיטלענ, װענ די אומגעבונג בײַט זיכ — אָט אױפ װאָס, הױפּטזאַכלעכ, ווענדט איר אױפמערקזאַמקײַט די דאָזיקע גרופּע. דירעקטיװנ אונ אָנװײַזונגענ שעפּט

די גרופע ניט פונ היסטאָרישע אנאלאָגיעס אונ פאראלעלנ, נאָר פונ אויסלערנענ די ארומיקע באדינגונגענ. אינ איר טעטיקײַט שטיצט זי זיכ ניט אפ ציטאטעס אונ אויס־דרוקנ, נאָר אפ פראקטישער דערפארונג, קאָנטראָלירנדיק יעדנ טראָט אירנ אפ דערפארונג, לערנענדיק זיכ אפ די אייגענע פעלערנ אונ לערנענדיק אנדערע בויענ דאָס נײַע לעבנ. דערמיט, אייגנטלעכ, דערקלערט זיכ, וואָס אינ דער טעטיקײַט פונ דער גרופע גייט זיכ ניט פאנאנדער דאָס וואָרט מיטנ טאט, אונ מארקס לערע היט פולשטענדיק אײַנ איר לעבעדיקע רעוואָליוציאָנערע קראפט. צו דערדאָזיקער גרופע פאסנ זיכ פולשטענדיק מארקס ווערטער, לויט וועלכע מארקסיסטנ קאָנענ זיכ ניט אָפשטעלנ אפנ דערקלערנ די וועלט, נאָר זיי מוזנ גייג ווײַטער—אפ איבעראנדערשנ זי. דער נאָמענ פונ אָט דער גרופע איז—באָלשעוויזם, קאָמוניזם.

דער אָרגאניזאטער אונ דער פירער פונ דער דאָזיקער גרופע איז וו. אי. לענינ.



לעניג אינעם פרעזידיום פונעם I קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ.

# 1. לעניג אלס אָרגאניזאטער פונ דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פארטיי

דאָס אויסבילדנ זיכ פונ דער פראָלעטארישער פארטיי אינ רוסלאנד איז געגאנגענ אינ באזונדערע באדינגונגענ, וואָס שיידנ זיכ אונטער פונ די באדינגונגענ אפנ מײַרעוו אינ מאָמענט פונ דער אָרגאניזירונג פונ דער ארבעטער־פארטיי דאָרטנ. אינ דער צײַט, ווענ אפנ מײַרעוו, אינ פראנקרײַכ, אינ דײַטשלאנד, איז די ארבעטער־פארטיי ארויסגעקומענ פונ די פראָפעסיאָנעלע פאריינענ אינ באדינגונגענ פונ לעגאלער [9] עקזיסטענצ פונ פאריינענ און פארטייענ, אינ דער אומגעבינג פונ דער נאָכ־בורזשואזער רעוואָליוציע, ווענ עס איז שוינ געווענ א בורזשואזער פארלאמענט, [10] ווענ די בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ דערקליבנ צו דער מאכט איז שוינ געשטאנענ פאָנעם־על־פאָנעם קעגנ דעם פראָלעטאריאט,—איז אינ רוסלאנד, פארקערט, די אנטשטייונג פונ דער פראָלעטארישער פארטיי פאָרגעקומענ אינ א צײַט פונ אכזאָריעסדיקנ אבסאָליוטיזם [11]), אינ דערווארטונג אפ א בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, בײַס, פונ איינ זײַט, האָבנ זיכ די פארטיי־אָרגאניזאציעס איבערפולט מיט בורזשואזע „לעגאל־מארקסיסטישע” עלעמענטנ, וואָס האָבנ געלעכצט אויסצונוצנ דעם ארבעטער־קלאס פאר א בורזשואזער רעוואָליוציע, און, פונ דער צווייטער זײַט, פלעגט די צארישע זשאנדארמעריע ארויסרײַסנ די בעסטע פארטייִשע טוער פונ די פארטיי־רייענ, אינ דער צײַט, ווענ דער אָנוווקס פונ א סטיכייִש־רעוואָליוציאָנערער באוועגונג האָט געפאָדערט א פעסטנ, צונויפגעצעמענטירטנ און געניג קאָנספיראטיוונ [12]) קאמפ־קערנ פונ רעוואָליוציאָנערנ, וואָס זאָלנ קענענ אָנווענדנ די באוועגונג אפ דעם אבסאָליוטיזם.

די אופגאבע איז באשטאנענ אינ דעם,—אָפטיילנ די שעפסנ פונ די בעק, אָפגרענעצנ זיכ פונ פרעמדע, אָרגאניזירנ קאדרענ פונ דערפארענע רעוואָליוציאָנערנ אפ די ערטער, געבנ זיי א קלאָרע פראָגראם און א פעסטע טאקטיק [13]), צונויפקלײַבנ די דאָזיקע קאדרענ אינ איינ קאמפ־אָרגאניזאציע פונ פראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ, א געניג קאָנספיראטיווע צו קעגנשטיינ די זשאנדארמערישע אָנגריפנ און צוזאמענ מיט דעם זײַנ פעסט פארבונדנ מיט די מאסנ, כדי צו פירנ זיי אינעם נייטיקנ מאָמענט אינ קאמפ.

די מענשעוויקעס, אָט יענע, וואָס „ליגנ” אפנ שטאנדפונקט פונ מארקסיזם, האָבנ געלייזט די פראגע פאָשעט: אזוי ווי אפנ מײַרעוו איז די ארבעטער־פארטיי ארויסגעקומענ פונ די אומפארטייִשע פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, וואָס קעמפנ פאר פארבעסערנ די עקאָנאָמישע לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס, דארפ מענ אינ רוסלאנד דורכמאכנ, ווי מעגלעכ, פונקט דאָס זעלביקע, ד. ה. דערווײַל באנוגענענ זיכ מיטנ

„עקאָנאָמישנ קאמפ פונ די ארבעטער קעגנ די באַלעבאטימ אונ דער רעגירונג" אפ די ערטער, ניט שאפנדיק קיינ אַלגעמיינ־רוסישע קאמפ־אָרגאניזאציע, אונ דער־נאָכ... דערנאָכ, אויב צו יענער צײַט חעלנ נאָכ אַלצ ניט זײַנ קיינ פראָפעסיאָנעלע פארייִנען, צונויפרופנ אנ אומפארטייִשנ ארבעטער־צוזאמענפאָר אונ דערקלערנ אימ אַלס א פארטיי.

אפ דעמ, אז דער דאָזיקער „מארקסיסטישער" „פלאַנ" פונ די מענשעוויקעס, וואָס איז אוטאָפּיסטיש[14]) אינ די רוסישע באדינגונגענ, זעט פאָרויס, פונדעסטוועגנ, א ברייטע אנטיר־ארבעט, געווענדעט צו דערנידעריקנ די אידיי פונ פארטייִשקײַט, צו פארניכטנ די פארטיי־קאדרענ, איבערלאָזנ דעמ פראָלעטאריאט אָנ אנ אייגענער פארטיי אונ אָפּגעבנ דעמ ארבעטער־קלאַס אפ פארצוקונג צו די ליבעראַלנ,[15])— אפ דעמ האָבנ זיכ דערמאָנט ניט געכאפט די מענשעוויקעס, אונ עפשער אויכ אסאַכ פונ די באָלשעוויקעס.

דער גרעסטער פארדינסט פונ לענינענ פארנ רוסישנ פראָלעטאריאט אונ זײַנ פארטיי באשטייט אינ דעמ, וואָס ער האָט אופגעדעקט די גאנצע געפאר פונ מענ־שעוויסטישנ אָרגאניזאציאָנעלנ „פלאַנ" נאָכ אינ יענעמ מאָמענט, ווענ דער „פלאַנ" האָט ערשט געהאלטנ אינ געבוירנ ווערנ, בייס די אווטערנ פונעמ „פלאַנ" האָבנ נאָכ אַלייג ניט קלאָר באנומענ זײַנע קאָנטורנ, אונ אופדעקנדיק די געפאר האָט לעניג געגומענ פירנ אנ אָנראכמאָנעסדיקע אטאקע קעגנ דער אָרגאניזאציאָנעלער צע־פלאָסנקײַט פונ די מענשעוויקעס, קאָנצענטרירנדיק די גאנצע אופמערקזאמקײַט פונ די פראקטיקער אפ דער דאָזיקער פראגע, ווײַל דאָ האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער פארטיי, וועגנ לעבנ אונ טויט פונ דער פארטיי.

אוועקשטעלנ אנ אַלגעמיינ־רוסישע פאָליטישע צײַטונג אַלס א צענטער פונ צו־נויפציענ די פארטיי־קרעפטנ, אָרגאניזירנ פעסטע פארטייִשע קאדרענ אפ די ערטער ווי „רעגולערע טיילנ" פונ דער פארטיי, פאראייניקנ די דאָזיקע קאדרענ אינײינעמ דורכ דער צײַטונג אונ באהעפטנ זיי אינ אנ אַלגעמיינ־רוסישער קאמפ־פארטיי מיט שארפ־אָנגעצייכנטע גרענעצנ, מיט א קלאָרער פראָגראמ, מיט א פעסטער טאקטיק, מיט אנ איינהײַטלעכנ ווילנ,—אָט וואָס פאר א פלאַנ לעניג האָט אנטוויקלט אינ זײַנע בארימטע ביכלעכ: „וואָס טאָנ?"[16]), „א טראָט פאָרויס, צוויי צוריק"[17]). די מײַלע פונעמ דאָזיקנ פלאַנ איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס ער האָט פולקומ אנט־שפראָכנ דער רוסישער ווירקלעכקײַט אונ האָט מײַסטעריש פאראלגעמיינערט די אָרגא־ניזאציאָנעלע דערפארונג פונ די בעסטע פראקטיקער. אינעמ קאמפ פאר דעמ דאָזיקנ פלאַנ איז די מערהײַט רוסישע פראקטיקער אנטשיידנ געגאנגענ מיט לענינענ, ניט אָפּשטעלנדיק זיכ פאר א שפאלטונג. דער זיג פונ אָט דעמ פלאַנ האָט געלייגט דעמ פונדאמענט פאר יענער צונויפגעשמאָלצענער אונ פארהארטעוועטער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס די וועלט ווייס ניט קיינ גלײַכנ צו איר.

ניט זעלטנ האָבנ אונדזערע כאַווייִרים (ניט נאָר מענשעוויקעס!) באַשולדיקט לע־נינען אינ א צו גרויסער נייגונג צו פּאָלעמיק[18]) אונ שפּאַלטונג, אינ אומקאָמ־פּראָמיסלעכנ קאַמפּ קעגנ די פּשאָרעמאַכער א. אנד.

אָנ צווייפל אי דאָס, אי יענצ האָט געהאַט אַנ אָרט אינ יענער צײַט. נאָר ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיינ, אז אונדזער פּאַרטיי וואָלט זיכ ניט געקענט באַפרײַענ פונ דער אינערלעכער שוואַכקײַט אונ צעפלאָסנקײַט, אונ זי וואָלט ניט געקענט דער־גרייכנ איר אייגנטימלעכע קראַפט אונ פעסטקײַט, ווענ זי וואָלט ניט ארויסגעטריבנ פונ איר סוויווע די ניט־פּראָלעטאַרישע, די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. אינ דער עפּאָכע פונ בורזשואַזער הערשאַפט קאָנ א פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי וואַקסנ אונ שטאַרקנ זיכ בלויז אַפ אזוי פיל, אַפ וויפל זי פירט א קאַמפּ קעגנ די אָפּאָרטוניס־טישע, אַנטירעוואָליוציאָנערע אונ אַנטיפּאַרטייישע עלעמענטנ אינ איר אייגענער סוויווע אונ אינ דעם אַרבעטער־קלאַס. לאַסאַל[19]) איז געווענ גערעכט, ווענ ער האָט געזאָגט: „א פּאַרטיי פאַרפעסטיקט זיכ דורכ דעם, וואָס זי רייניקט זיכ אָפּ".

די באשולדיקער פלעגן זיך געוויינלעך פארופן אף דער דייטשישער פארטיי, וווּ עס האָט דעמאָלס געבליט די „איינקייט". נאָר, ערשטנס, איז ניט יעדע איינקייט א סימן פון קראפט, און, צווייטנס, איז גענוג א קוק צו טאָן אף דער געוועזענער דייטשישער פארטיי, וואָס איז צעריסן געוואָרן אף דריי פארטייען, כדי צו פאר־שטיין די גאנצע פאלשקייט און קלוימערשטיקייט פון דער „איינקייט" צווישן שיידעמאן [20]) — נאָסקע [21]) און ליבקנעכט—ליוקסעמבורג. און ווער ווייס, צי וואָלט ניט בעסער געווען פארן דייטשישן פראָלעטאריאט, ווען די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פון דער דייטשישער פארטיי וואָלטן זיך באצייטנס אָפגעשפּאָלטן פון די אנטירע־וואָליוציאָנערע עלעמענטן אירע... ביי לענין איז געווען טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער האָט געפירט די פארטיי אפן וועג פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף מיט די אנטי־פארטייישע און אנטירעוואָליוציאָנערע עלעמענטן. ווייל נאָר אין רעזולטאט פון אזא אָרגאניזאציאָנעלער פּאָליטיק האָט אונדזער פארטיי געקאָנט שאפן בא זיך יענע אינערלעכע איינקייט און וווּנדערלעכע צוזאמענגעשלאָסנקייט, וואָס פארמאָגנדיק זיי איז זי ארויס אומגעשעדיקט פון דעם יול־קריזיס פאר קערענסקען, האָט אף אירע פּלייצעס אויסגעטראָגן דעם אָקטיאבער־אופשטאנד, האָט איבערגעלעבט אָן דערשי־טערונגען דעם קריזיס פונעם בריסקער־פעריאָד, האָט אָרגאניזירט דעם זיג איבער דער אנטאנטע, [22]) און, ענדלעך, דערגרייכט יענע אומגעוועענע בויגעוודיקייט, וואָס אדאנק איר איז די פארטיי געווען בעקוועם אין יעדן מאָמענט איבערצובויען אירע ריייען און קאָנצענטרירן די הונדערטער טויזנטער מיטגלידער אירע אף יעטווידער גרויסער ארבעט, ניט אריינטראָגנדיק קיין צעטומלעניש אין איר סוויווע.

## 2. לענין אלס פירער פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פארטיי

אָבער די אָרגאניזאציאָנעלע מעלעס פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פארטיי שטעלן מיט זיך פאָר בלויז איין זייט פון דער זאך. די פארטיי וואָלט ניט געקענט אויסוואקסן און פארשטארקן זיך אזוי שנעל, ווען דער פּאָליטישער אינ־האלט פון איר ארבעט, איר פּראָגראם און טאקטיק וואָלטן ניט אנטשפּראָכן דער רוסישער ווירקלעכקייט, ווען אירע לאָזונגען וואָלטן ניט אָנגעצונדן די ארבעטער־מאסן און ניט געשטויסן פאָרויס די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג. צו אָט דער דאָזיקער זייט פון דער זאך וועלן מיר איצטער איבערגיין.

די רוסישע בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע (1905 י.) איז פאָרגעקומען אין באדינגונגען, וואָס שיידן זיך אונטער פון די באדינגונגען אפן מערעוו בייס די רעוואָליוציאָנערע איבערקערענישן, צ. ב. אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. אין דער צייט ווען די רעוואָליוציע אפן מערעוו האָט זיך צעשפּילט אין די באדינגונגען

פונעם מאנופאקטור־פעריאָד [23]) און ניט אנטוויקלטן קלאסנקאמפ, ווען דער פראָ־לעטאריאט איז געווען שוואך און ווייניק אין צאָל, האָט ניט געהאט קיין אייגענע פארטיי, וואָס זאָל קענען פאָרמולירן [24]) זיינע פאָ־ערונגען, און די בורזשואזיע איז געווען גענוג רעוואָלוציאָנער אַף קאָנען געווינען דעם צוטרוי פון די ארבעטער און פויערים און פירן זיי אין קאמף קעגן דער אריסטאָקראטיע, [25]) — איז אין רוסלאנד געווען פונקט פארקערט: די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן (1905 י.) אין די באַדינגונגען פונעם מאשין־פעריאָד און אנטוויקלטן קלאסנקאמפ, ווען דער בעערעכ פילצאָליקער און דורכן קאפיטאליזם צוזאמענגעשמאָלצענער רוסישער פראָלעטאריאט האָט שוין געהאט א ריי שלאכטן מיט דער בורזשואזיע, האָט געהאט זיין אייגענע פארטיי, א מער צונויפגעשמידטע, איידער די בורזשואזע, האָט געהאט זיינע קלאסן־פאָדערונגען, און די רוסישע בורזשואזיע, וואָס האָט דערצו נאָך גע־לעבט פון באשטעלונגען מיצאד דער רעגירונג, איז געווען גענוג אָנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציאָנערישקייט פונעם פראָלעטאריאט, קעדיי צו זוכן א בונד מיט דער רעגירונג און די פריצים קעגן די ארבעטער און פויערים. דער פאקט, וואָס די רו־סישע רעוואָליוציע איז אויסגעבראָכן אלס רעזולטאט פון די מאפּאָלעס אַף די שלאכט־פעלדער פון מאנדזשוריע [26]), — דער דאָזיקער פאקט האָט בלויז פאָרסירט [27]) די גע־שעענישן, ניט ענדערנדיק, אָבער, דעם טאָך פון דער זאך.

די אומגעבונג האָט געפאָדערט, אז דער פראָלעטאריאט זאָל זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציע, זאָל פאריינינקן ארום זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע פויערטום און פירן אן אנטשיידענעם קאמף קעגן צאריזם און קעגן דער בורזשואזיע גלייכצייטיק אין נאָמען פון פולשטענדיק דעמאָקראטיזירן דאָס לאנד און צו זיכערן זיינע קלאסן־אינטערעסן.

נאָר די מענשעוויקעס, אָט יענע, וואָס „ליגן" אַפן שטאנדפּונקט פון מארקסיזם, האָבן די פראגע געלייזט אַף זייער שטייגער: אזוי ווי די רוסישע רעוואָליוציע איז א בורזשואזע, און אין בורזשואזע רעוואָליוציעס פירן אָן פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע, (זע די געשיכטע פון דער פראנצויזישער און דייטשישער רעוואָליוציעס), קען דער פראָלעטאריאט ניט זיין דער העגעמאָן [28]) פון דער רוסישער רעוואָליוציע; די אָנפירונג מוז פאָרגעשטעלט ווערן דער רוסישער בורזשואזיע (דער זעלביקער בורזשואזיע, וואָס פאראט די רעוואָליוציע), דאָס פויערטום מוז אויך פאָרגעשטעלט ווערן דער אַפּעטראָפּסעס פון דער בורזשואזיע, און דער פראָלעטאריאט דארף בלייבן אין דער לאגע פון אן עקסט־לינקער אָפּאָזיציע. און אָט־די געמיינע לידעלעך פון די נישטיקע ליבעראלן פלעגן די מענשעוויקעס ארויסשטעלן אלס דאָס לעצטע וואָרט פון „עכטן" מארקסיזם!..

לענינס גרעסטער פארדינסט פאר דער רוסישער רעוואָליוציע באשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעדעקט ביז די וואָרצלען די פוסטקייט פון די היסטאָרישע פּאראַ־

לעבנ פונ די מענשעװיקעס אונ די גאנצע נעמערלעכקײט פונ דער מענשעװיסטישער „רעװאָליוציע־סכעמע“, װעלכע גיט אָפּ די ארבעטער־זאכ דער בורזשואזיע אפּ פארצוקונג. א רעװאָליוציאָנער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט אונ פויערשומ אַנשטאָט דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע, א בויקאָט דער בוליגינישער דומע [29] אונ א באװאָפנטער אופשטאנד, אַנשטאָט אָנטײלצונעמענ אינ דער דומע אונ אָרגאַנישער ארבעט אינ איר, די אידײ פונ „לינקנ בלאָק“, נאָכדעמ, װי די דומע האָט פאָרט זיכ צונויפגעקליבנ, אונ דאָס אויסנוצנ די טריבונע פונ דער דומע פארנ אויסער־דומע־קאמפּ אַנשטאָט דעמ קאדעטישנ מיניסטעריומ אונ רעאקציאָנערנ „אײַנהיטנ“ די דומע, דער קאמפּ קעגנ דער קאדעטישער פארטײ [30] װי קעגנ א קאָנטררעװאָליוציאָנערער קראפט אנשטאָט א בלאָק מיט איר,—אָט װאָס פאר א טאקטישנ פּלאנ לענינ האָט אנטװיקלט אינ זײַנע בארימטע בראָשורנ: „צװײ טאקטיקעס“, [31] „דער זיג פונ די קאדעטנ“. [32]

די װערטפולקײַט פונ דעמ דאָזיקנ פּלאנ איז באשטאנענ אינ דעמ, װאָס, פאָרמולירנדיק דירעקט אונ אנטשײדנ די קלאסנ־פאָדערונגענ פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער עפּאָכע פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעװאָליוציע אינ רוסלאנד, האָט ער פארלײַכטערט דעמ איבערגאנג צו א רעװאָליוציע א סאָציאליסטישער, האָט געטראָגנ אינ זיכ אינ עמבריאָנ די אידײ פונ דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט. אינ קאמפּ פאר דעמ דאָזיקנ טאקטישנ פּלאנ איז די מערהײַט רוסישע פּראקטיקער געגאנגענ נאָכ לענינענ אנטשײדנ אונ פעסט. דער זיג פונ דעמ דאָזיקנ פּלאנ האָט געלײגט דעמ פונדאמענט פונ יענער רעװאָליוציאָנערער טאקטיק, װאָס אדאנק איר טרײסלט איצט אומ אונדזער פּארטײ די יסודעס פונעמ װעלט־אימפּעריאליזמ.

די װײַטערדיקע אנטװיקלונג פונ די געשעענישנ, די פיריאָריקע אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אונ די דערשיטערונגענ פונ דער גאנצער פאָלקװירטשאפט, די פעורואל־רעװאָליוציע אונ די בארימטע צװײ־מאכט, די צײַטװײַליקע רעגירונג אלס א נעסט פונ בורזשואזער קאָנטר־רעװאָליוציע אונ דער פּעטערבורגער ראט אלס די פאָרמ פונ דער אָנקומענדיקער פּראָלעטארישער דיקטאטור, די אָקטיאבער־איבערקערעניש אונ דאָס צעטרײַבנ די „אוטשרעדילקע“, [33] דאָס אָפּשאפנ דעמ בורזשואזנ פּארלאמענטאריזמ אונ דאָס פּראָקלאמירנ די רעפּובליק פונ די ראטנ, דאָס פארװאנדלענ די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג אונ די ארויסטרעטונג פונעמ װעלט־אימפּעריאליזמ, צוזאמענ מיט די „מארקסיסטנ“ אפנ װאָרט, קעגנ דער פּראָלעטארישער רעװאָליוציע, אונ ענדלעכ, די נעבעכדיקע לאגע פונ די מענשעװיקעס, װעלכע האָבנ זיכ אָנגעקלאמערט אָנ דער „אוטשרעדילקע“, [33] אונ װאָס דער פּראָלעטאריאט האָט זײ ארויסגעשלײַדערט הינטערנ פּארקאנ אונ װאָס די כװאליעס פונ דער רעװאָליוציע האָבנ זײ צוגעשלאָגנ צו די ברעגעס פונעמ קאפּיטאליזמ,—

דאָס אַלצ האָט בלויז באַשטעטיקט די ריכטיקייט פונ די גרונט־פּרינציפּנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער טאַקטיק, וואָס לענינ האָט פאָרמולירט אינ זײַנ בראָשור „צוויי טאַקטיקעס“. א פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ ירושע, האָט געקענט דרייסט שווימענ פאָרויס, נישט מוירע האָבנדיק פאַר קײַנ אומגערוואַרטיקע פעלדזנ.

אינ אונדזער צײַט פונ פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ווענ יעדער לאָזונג פונ דער פּאַרטיי אונ יעדע פראַזע פונ פירער ווערט דורכגעקאָנטראָלירט לויטנ טאַט, שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט אַרויס צו זײַנע פירער באַזונדערע פאָדערונגענ. די געשיכטע ווייס פונ פּראָלעטאַרישע פירער, פירער פונ שטורמישער צײַט, פירער־פּראַקטיקער, אָפּפערווויליקע אונ דרייסטע, נאָר שוואַכע אינ טעאָריע. די מאַסנ פאַרגעסנ נישט גיכ די נעמענ פונ אַזעלכע פירער. נאָר די באַוועגונג אינגאַנצנ גענומענ קאָנ נישט לעבנ בלויז מיט איינע דערינערונגענ: זי פאָדערט א קלאָרנ ציל (א פּראָגראַם), א פעסטע ליניע (טאַקטיק). אַזעלכע זײַנענ, לעמאָשל, לאַסאַל אינ דײַטשלאַנד, בלאַנקי [34]) אינ פראַנקרײַכ. פאַראַנ אויכ פירער פונ אַנ אַנדער מינ, פירער אינ פרידנ־צײַט, שטאַרקע אינ טעאָריע, נאָר שוואַכע אינ פראַגנ פונ אָרגאַניזאַציע אונ אינ פּראַקטישער אַרבעט. אַזוינע פירער זײַנענ פּאָפּולער בלויז בײַם אויבערשטנ שיכט פונעם פּראָלעטאַריאַט, אונ דאָס נאָר ביז א געוויסער צײַט; מיטנ אָנקומענ פונ א רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע, ווענ פונ די פירער פאָדערנ זיכ רעוואָליוציאָנער־פּראַקטישע לאָזונגענ, דאַנ גייענ אַראָפּ פונ סצענע די טעאָרעטיקער, אונ זייער אָרט פאַרנעמענ נײַע מענטשנ. אַזוינע זיינענ, צומ בײַשפּיל, פּלעכאַנאָוו [35]) אינ רוסלאַנד, קאַוטסקי [36]) אינ דײַטשלאַנד.

קעדיי אײַנצוהאַלטנ זיכ אויפנ פּאָסטנ פונ א פירער פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אונ פונ דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, איז נייטיק צו פאַראייניקנ אינ זיכ די טעאָרעטישע קראַפט מיט פּראַקטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג פונ דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. פּ. אַקסעלראָד [37]), ווענ ער איז געווענ א מאַרקסיסט, האָט געשריבנ וועגנ לענינענ, אַז ער „פאַראייניקט אינ זיכ גליקלעכ די דערפאַרונג פונ א גוטנ פּראַקטיקער מיט טעאָרעטישער בילדונג אונ ברייטנ פּאָליטישנ האָריזאָנט“ (זע דעמ פאָרוואָרט פונ פּ. אַקסעלראָד צו לענינס בראָשור — „די אויפגאַבעס פונ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ“). וואָס וואָלט איצט געזאָגט וועגנ לענינענ דער אידעאָלאָג פונעמ „קולטור־רעלנ“ קאַפּיטאַליזמ, דער הער אַקסעלראָד, איז נישט שווער זיכ אָנצושטויסנ. נאָר פאַר אונדז, וואָס ווייסנ לענינענ נאָענט אונ קאָנענ קוקנ אויפ דער זאַכ אָביעקטיוו, [38]) איז אָנ שומ ספק, אַז די דאָזיקע אַלטע גוטע אייגנשאַפט האָט זיכ פולקומ אײַנגעהיט בײַ לענינענ. אינ דעמ, אגעוו, דאַרפ מענ זוכנ די דערקלערונג פונ דעמ פאַקט, וואָס לענינ, אונ טאַקע ער, איז הײַנט צו טאָג דער פירער פונ דער סאַמע שטאַרקסטער אונ סאַמע פאַרהאַרטעוועטער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אינ דער וועלט.

# וועגנ לענינענ

## רעדע אפנ אָוונט פונ די קרעמלער קורסאנטנ, דעמ 28-טנ יאנואר 1924 י.

באוויירים! מע האָט מיר געזאָגט, אז בא אײַך איז דאָ אײַנגעאָרדנט אנ אָוונט פונ זיכרוינעס וועגנ לענינענ, אונ איכ בינ אײַנגעלאדנ אפנ אָוונט אלס אײנער פונ די פּאָרטרעגער. איכ רעכנ, אז עס איז ניט נייטיק דאָ צו מאכנ א סיסטעמאטישנ פּאָרטראג וועגנ לענינס טעטיקײַט. איכ דענק, אז עס וועט זײַנ אסאכ בעסער צו באגרענעצנ זיכ מיט מיטײלנ א דײ פאקטנ, וואָס באצײכענענ אײניקע באזונדערקײַטנ פונ לענינענ אלס מענטש אונ אלס טוער. צווישנ די דאָזיקע פאקטנ, מעגלעכ, וועט עפּשער ניט זײַנ קײנ אינערלעכע פארבינדונג, נאָר דאָס קאָנ ניט שטערנ צו באקומענ אנ אלגעמײנע פּאָרשטעלונג וועגנ לענינענ. אלנפאלס, האָב איכ ניט קײנ מעגלעכקײַט איצט צו געבנ אײַך מער, ווי איכ האָב פריִער צוגעזאָגט.

## דער בארג-אָדלער

צום ערשטנ מאָל האָב איכ זיכ באקענט מיט לענינענ אינ יאָר 1903. עמעס, דאָס איז ניט געווענ קײנ פּערזענלעכע באקאנטשאפט, נאָר אנ אונטערוויגיקע—דורכ קאָרעספּאָנדענצ. נאָר זי האָט אפּ מיר געמאכט אנ אומפארגעסלעכנ אײַנדרוק, וואָס האָט מיכ ניט פארלאָזט די גאנצע צײַט פונ מײַנ ארבעט אינ דער פארטײ. איכ בינ דעמלט געווענ אינ סיביר אינ פארשיקונג. די באקאנטשאפט מיט דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט פונ לענינענ סאָפ 90-ער יאָרנ אונ באזונדערס נאָכנ 1901-טנ יאָר, נאָכנ דערשײַנענ פונ „איסקרא“ [39], האָט מיכ געבראכט צו דער איבערצײַגונג, אז מיר האָבנ אינ לענינס פּערזאָנ אנ אויסערגעוויינלעכנ מענטשנ. שוינ דעמאָלט האָב איכ געקוקט אפּ לענינענ ניט ווי אפּ א פּראָסטנ פארטײ-פירער, ער איז געווענ דער פאקטישער שעפער פונ דער פארטײ, ווײַל ער איז געווענ דער אײנציקער, וואָס האָט פארשטאנענ דעמ אינערלעכנ מאָכ אונ די דרינגענדיקע נויטנ פונ אונדזער פארטײ. ווענ איכ פלעג אימ פארגלײַכנ מיט די איבעריקע אָנפירער פונ אונדזער פארטײ, האָט זיכ מיר שטענדיק געדוכט, אז לענינס מיטקעמפער—פּלעכאנאָוו, מארטאָוו,[40] אקסעלראָד אונ די אנדערע—שטײענ מיט א גאנצנ קאָפּ נידעריקער פונ לענינענ, אז לענינ, אינ פארגלײַכ מיט זײ, איז ניט פּאָשעט אײנער פונ די אָנפירער, נאָר אנ אָנפירער פונ א העכערנ טיפּ, א בארג-אָדלער, וואָס ווייס ניט פונ קײנ פּאַכעד אינ

קאמפּ און וואָס פירט דורכ די פּאַרטיי פּאָרויס אפ די ניט אויסגעפּאָרשטע וועגנ פונ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. דער דאָזיקער אײַנדרוק איז אזוי טיפ אריינגעדרונגענ אינ מײַנ נעשאָמע, אז איכ האָב דערפילט א נויטווענדיקײַט אָנצושרײַבנ וועגנ אים איינעם א נאָענטנ פרײַנט, וועלכער האָט זיכ דעמאלט געפּר־נעב אינ עמיגראציע, פּאָדערנדיק פונ אים אנ אָפּרופ.

אינ א צײַט ארום, שוינ געפינענדיק זיכ אינ פארשיקונג אינ סיביר—דאָס איז געווענ סאָפ 1903־טנ יאָר—האָב איכ באַקומענ א היספּײַלעסדיקנ ענטפער פונ מײַנ פרײַנט און אויכ א פּאָשעטנ, נאָר טיפ אינהאלטרײַכנ בריוו פונ לענינענ, וועמענ, ווי עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, דער פרײַנט מײַנער האָט באַקענט מיט מײַנ בריוו. לענינס בריוו איז געווענ בעערעכ ניט קיינ גרויסער, ער האָט געגעבנ אָבער א דרייסטע, געוואגטע קריטיק וועגנ דער פּראקטיק פונ אונדזער פּארטיי און א מערקווירדיק־קלאָרע און געפּרעסטע באַשרײַבונג פונעם גאנצנ פּלאנ פונ דער פּארטיי־ארבעט אפ דעם נאָענטסטנ פּעריאָד. בלויז לענינ האָט געקענט שרײַבנ וועגנ די סאמע פארפּלאָנטערטע זאכנ אזוי פּאָשעט און קלאָר, געפּרעסט און דרייסט, אז יעדער פראזע—ניט זי רעדט, נאָר זי שיסט. דער דאָזיקער פּאָשעטער, דרייסטער בריוו האָט נאָכ מער פארפעסטיקט אינ מיר די איבערצײַגונג, אז אינ לענינס פּערזאָנ פארמאָגנ מיר א בארג־אָדלער פונ אונדזער פּארטיי. איכ קאָנ זיכ ניט מויכל זײַנ, וואָס איכ האָב דעם דאָזיקנ בריוו פונ לענינענ, ווי פיל אנדערע, לויט דער געוווינהײַט פונ אנ אלטנ אונטערערד־טוער, פארברענט.

פונ דעם מאָמענט זײַנ האָט זיכ אָנגעהויבנ מײַנ באַקאנטשאפט מיט לענינענ.

## באַשיידנקײַט

צום ערשטנ מאָל האָב איכ זיכ באַגעגנט מיט לענינענ אינ דעקאבער כוידעש 1905־טנ יאָר אפ א קאָנפערענצ פונ באָלשעוויקעס אינ טאמערפאָרס (אינ פינלאנד). איכ האָב געהאָפּט צו דערזענ דעם בארג־אָדלער פונ אונדזער פּארטיי, דעם גרויסנ מענטשנ—א גרויסער ניט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויב איר ווילט, אויכ פיזיש, וואָרעמ לענינ האָט זיכ אינ מײַנ פאָרשטעלונג געמאָלט ווי א ריז, ווי א שטאלטנע, רעפּרעזענטאבעלע פיגור. ווי גרויס איז אָבער געווענ מײַנ אנטוישונג, ווענ איכ האָב דערזענ פאר זיכ א סאמע געוויינלעכנ מענטש, נידעריקער פונ מיטל־וווקס, וואָס מיט גאָרניט, אבסאָליוט מיט גאָרניט אונטערשיידט ער זיכ ניט פונ אנדערע געוויינ־לעכע מענטשנ...

מע האלט, אז א „גרויסער מענטש" דארפ געוויינלעכ פארשפּעטיקנ אפ א פאר־זאמלונג, קעדיי די פארזאמלטע זאָלנ מיט הארצקלאַפּעניש ווארטנ אפ זײַנ קומענ, און איידער אזא גרויסער מענטש באַווײַזט זיכ, זאָלנ די פארזאמלטע מאכנ אויפמערק־זאמ: „טסס... שטיל... ער גייט". איכ האָב געהאלטנ, אז אזא פּראָצעדור איז ניט

לענינ מאכט פארנאָטירונגענ אפ דער זיצונג פונעם II קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ.

איבעריק, מאכמעס דאָס אימפּאָנירט,[41] רופט אויס אָפּשײַ. ווי גרויס איז אָבער געווענ מײַנ אנטוישונג, ווענ איכ האָב זיכ דערוווּסט, אז לענינ איז געקומענ אפּ דער פּארזאמלונג נאָכ פריִער פאר די דעלעגאטנ און, פּארקלײַבנדיק זיכ ערגעצ אינ א ווינקל, פירט ער א פּאָשעטנ שמועס — פּראָסט, גוט־ברודעריש מיט די פּאָשעטסטע דעלעגאטנ פונ דער קאָנפערענצ. איכ וועל ניט לייקענענ, אז איכ האָב דעמאָלט איינ־געזענ אינ דעמ א געוויסנ אָפּנייג פונ געוויסע גייטיקע קלאָלים. ערשט שפּעטער האָב איכ פארשטאנענ, אז אָט די פּאָשעטקײַט און באשיידנקײַט פונ לענינענ, אָט־די שטרעבונג צו בלײַבנ אומבאמערקט, אלנפאלס, ניט ווארפנ זיכ אינ די אויגנ און ניט אונטערשטרײַכנ זײַנ הויכ־געשטעלטע לאגע — אָט דער כאראקטער־שטריכ איז איינע פונ די שטארקסטע אייגנשאפטנ פונ לענינענ, אלס דעמ נײַעמ פירער פונ נײַע מאסנ — פּאָשעטע און געוויינלעכע מאסנ פונ די טיפסטע „אונטערשיכטנ" פונ דער מענטשהײַט.

# די קראפט פונ לאָגיק

אויסגעצייכנט זײַנענ געווענ צוויי לענינס רעדעס, וואָס ער האָט געהאלטנ אפּ דער קאָנפערענצ: וועגנ דעמ „לויפנדיקנ מאָמענט" און וועגנ דער אגראר־פראגע. צומ באדויערנ, האָבנ זיי זיכ ניט אײַנגעהיט. דאָס זײַנענ געווענ באגײַסטערטע רעדעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ א שטורעמדיקע אנטציקונג מיצאד דער גאנצער קאָנפערענצ. די אומגעהייערע איבערצײַגונג־קראפט, די פּאָשעטקײַט און קלאָרקײַט פונ דער ארגומענטאציע,[42] די קורצע און פאר אלעמענ פארשטענדלעכע פראזעס, אָנ שומ פּאָזע, אָנ שומ קאָפּשווינדלדיק זשעסטנ און עפעקטפולע פראזעס, וואָס זייער ציל איז צו מאכנ אנ אײַנדרוק — דאָס אלצ האָט באלויכטנ לענינס רעדעס מיט א העלער שײַנ, און זיי זײַנענ ניט געווענ ענלעכ צו די רעדעס פונ געוויינלעכע „פּארלאמענטארישע" רעדנער.

מיכ פערזענלעכ האָט פארכאפּט ניט דידאָזיקע זײַט פונ לענינס רעדע. מיכ האָט פארכאפּט די גוואלדיק־שטארקע קראפט פונ דער לאָגיק אינ לענינס רעדעס — די לאָגיק, וואָס איז אביסל טרוקנ, אָבער דערפאר באהערשט זי גרונטלעכ די אודיטאָריִע,[43] עלעקטריזירט זי בעהאדראָגעדיק און נעמט זי דערנאָכ ארײַנ, אזוי צו זאָגנ, אינ גאנצנ אינ געפענקעניש. איכ געדענק, ווי אסאכ פונ די דעלעגאטנ האָבנ דעמאָלט געזאָגט: „די לאָגיק אינ לענינס רעדעס — דאָס זײַנענ עפּעס אלמעכטיקע צוואנגענ, וואָס כאפּנ דיכ ארומ פונ אלע זײַטנ, און דו ביסט ניט בעקויעכ ארויסצורײַסנ זיכ פונ קלעמ: אָדער גיב זיכ אונטער, אָדער באשליס זיכ אפּ א פולשטענדיקנ דורכפאל".

איכ דענק, אז אָט־די באוונדערקײַט פונ לענינס רעדעס איז די שטארקסטע זײַט פונ זײַנ רעדנערישער קונסט.

# אָנ כניקערײַ

דאָס צווייטע מאָל האָב איכ באגעגנט לענינענ אינ 1906 יאָר, אפנ שטאָקהאָלמער צוזאמענפאָר פונ אונדזער פארטיי. עס איז באוווסט, אז אפ אָט דעמ צוזאמענפאָר זײַנענ די באָלשעוויקעס געבליבנ אינ דער מינדערהײַט, האָבנ געליטנ א מאפּלע. איכ האָב דעמלט דאָס ערשטע מאָל דערזענ לענינענ אינ דער ראָל פונ א באזיגטנ. ער איז אפ קיינ האָר ניט געווענ ענלעכ צו יענע פירער, וואָס קלאָגנ זיכ אונ פאלנ אראָפ בא זיכ נאָכ א מאפּלע. פארקערט, די מאפּלע האָט פארוואנדלט לענינענ אינ א קנויל פונ ענערגיע, וואָס מוטיקט זײַנע אָנהענגער צו נײַע שלאכטנ, צו דעמ קומענדיקנ זיג. איכ רייד וועגנ לענינס מאפּלע. אָבער וואָס איז דאָס געווענ פאר א מאפּלע? מע האָט באדארפט א קוק טאָנ אפ לענינס קעגנער, די זיגער אפנ שטאָקהאָלמער צוזאמענפאָר — אפ פּלעכאנאָוונ, אקסעלראָדנ, מארטאָוונ אונ די אנדערע: זיי האָבנ ווייניק וואָס אויסגעזענ ווי ווירקלעכע זיגער, ווײַל לענינ מיט זײַנ אָנראכמאָנעסדיקער קריטיק פונעמ מענשעוויזמ האָט אפ זיי ניט איבערגעלאָזט, ווי מע זאָגט, קיינ לעבעדיק אָרט. איכ געדענק, ווי מיר, דעלעגאטנ־באָלשעוויקעס, צונויפנעמענדיק זיכ אינ א רעדל, האָבנ געקוקט אפ לענינענ, געפרעגט בא אימ אנ אייצע. אינ די רייד פונ אייניקע דעלעגאטנ האָט זיכ געפילט מידקייט, געפאלנקײַט. עס געדענקט זיכ, ווי לענינ האָט אפ אזוינע רייד בײַסיק דורכגעזײַט דורכ די ציינ: „כניקעט ניט, כאווערימ, מיר וועלנ אומבאדינגט זיגנ, ווײַל מיר זײַנענ גערעכט". די סינע צו כניקעדיקע אינטעליגענטנ, דאָס גלויבנ אינ די אייגענע קויכעס, דאָס גלויבנ אינ זיג, — אָט וועגנ וואָס לענינ האָט דעמלט גערעדט מיט אונדז. עס האָט זיכ געפילט, אז די מאפּלע פונ די באָלשעוויקעס איז בלויז א צײַטווײַליקע, אז די באָלשעוויקעס מוזנ זיגנ אינ דער נאָענטער צוקונפט.

„ניט כניקענ אינ פאל פונ מאפּלע" — אָט דאָס איז יענע באזונדערקײַט אינ לענינס שטעטיקײַט, וואָס האָט אימ געהאָלפנ צו פאראייניקנ ארומ זיכ אנ ארמיי, אנ איבערגעגעבענע ביזנ סאָפ אונ א גלויבנדיקע אינ אירע אייגענע קויכעס.

# אָנ גרויסהאלטערײַ

אפנ קומענדיקנ צוזאמענפאָר אינ 1907־טנ יאָר אינ לאָנדאָנ זײַנענ די באָלשעוויקעס געווענ די זיגער. דעמלט האָב איכ דאָס ערשטע מאָל געזענ לענינענ אינ דער ראָל פונ א זיגער. געוויינלעכ הייבט אָנ שווינדלענ דער קאָפ בא אנדערע פירער אינ פאל פונ זיג, זיי פארײַסנ זיכ אונ האלטנ זיכ גרויס. אָפטער פונ אלצ הייבט מענ אָנ אינ אזוינע פאלנ צו פײַערנ דעמ ניצאָכנ, צו רוענ אפ די לאָרבער־קרענצ. נאָר לענינ איז אפ א האָר ניט געווענ ענלעכ צו אזוינע פירער. פארקערט, טאקע נאָכ א זיג, פלעגט ער ווערנ באזונדער וואכזאמ אונ אָנגעשפיצט. עס געדענקט זיכ, ווי

לעניג האָט דעמלט אקשאָנעסדיק אײַנגעטײַנעט מיט די דעלעגאטנ: „דאָס ערשטע — ניט פארלירנ דעמ קאָפּ פונעמ זיג אונ זיכ ניט גרויסהאלטנ; דאָס צווייטע — פארפעסטיקנ מאר זיכ דעמ זיג; דאָס דריטע — צעקלאפּנ דעמ סוינע, ווײַל ער איז בלויז צעשלאָגנ, אָבער נאָכ ניט צעקלאפּט". ער האָט גאליק אויסגעלאכט יענע דעלעגאטנ, וואָס האָבנ לײַכטזיניק פארזיכערט, אז „פונ איצט אָנ איז שוינ א סאָפ צו די מענשעוויקעס". עס איז אימ ניט שווער געווענ צו דערווײַזנ, אז די מענשעוויקעט האָבנ נאָכ גענוג וואָרצלענ אינ דער ארבעטער־באוועגונג, מיט זיי דארפ מענ קעמפנ מיט סייכל, אויסמײַדנדיק, ווי ווײַט מעגלעכ, דאָס איבערשאצנ די אייגענע קרעפטנ אונ דעריקער איז דאָס ניט דערשאצנ דעמ קעגנערס קויכעס.

„ניט גרויס האלטנ זיכ באמ זיגנ" — דאָס איז יענע באזונדערקײַט אינ לענינס כאראקטער, וואָס האָט אימ געהאָלפנ ניכטער אָפּצווועגנ די קויכעס פונעמ קעגנער אונ סטראכירנ די פארטיי פונ מעגלעכע אוסדערוווארטונגענ.

## פּרינציפּיעלקײַט

פירער פונ א פארטיי קאָנענ ניט ניט טײַער האלטנ די מיינונג פונ דער מערהײַט פונ זייער פארטיי. די מערהײַט — דאָס איז א קראפט, מיט וועלכער דער פירער קאָנ זיכ ניט ניט רעכענענ. לעניג האָט עס פארשטאנענ ניט ערגער, ווי אנ אנדער פארטיי־אָנפירער. אָבער לעניג פלעגט קיינמאָל ניט ווערנ געפאנגענ בא דער מערהײַט, באזונדערס ווענ די דאָזיקע מערהײַט האָט ניט געהאט קײַנ פּרינציפּיעלע באזע. עס זײַנענ געווענ מאָמענטנ אינ דער געשיכטע פונ אונדזער פארטיי, ווענ די מיינונג פונ דער מערהײַט אָדער די מינוט־אינטערעסנ פונ דער פארטיי האָבנ זיכ צוזאמענגעשטויסנ מיט די גרונט־אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאריאט. אינ אזוינע פאלנ פלעגט לענינ, ניט טראכטנדיק לאנג, אנטשיידנ זיכ שטעלנ אפ דער זײַט פונ פּרינציפּיעלקײַט [44]) קעגנ דער מערהײַט פונ דער פארטיי. נאָכ מער, ער פלעגט ניט מוירע האָבנ ארויסטרעטנ אינ אזוינע פאלנ בוכשטעבלעכ איינער קעגנ אלעמענ, שטיצנדיק זיכ אפ דעמ, — ווי ער פלעגט אָפט וועגנ דעמ זאָגנ, — אז „די פּרינציפּיעלע פּאָליטיק איז די איינציק ריכטיקע פּאָליטיק".

באזונדערס כאראקטעריסטיש אינ דעמ פראט זײַנענ צוויי פאָלגנדיקע פאקטנ.

ערשטער פאקט. דער פּעריאָד 1909—1911 י. י., ווענ די פארטיי, א צעשמעטערטע פונ דער קאָנטר־רעוואָליוציע, האָט איבערגעלעבט א פולשטענדיקע צעפאלונג. דאָס איז געווענ א פּעריאָד פונ אומגלויבנ אינ דער פארטיי, א פּעריאָד פונ מאסנלויפנ פונ דער פארטיי ניט נאָר מיצאד די אינטעליגענטנ, נאָר טיילווײַז אויכ מיצאד די ארבעטער, א פּעריאָד פונ אָפּלייקענענ דעמ אונטערערד, א פּעריאָד פונ ליקווידאטארישקײַט [45]) אונ צעפאלונג. ניט נאָר די מענשעוויקעס, נאָר אויכ די באָלשעווי־

קעס האָבנ דעמאָלט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א גאנצע רײ פראקציעס אונ ריכטונגענ, אינ זײער מערהײט אָפגעריסענע פונ דער ארבעטער־באוועגונג. ס'איז באוווסט, אז טאקע אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד איז אויפגעקומענ די אידײ פונ פולשטענדיקנ ליקווידירנ די אונטערערדישקײט אונ אָרגאניזירנ די ארבעטער אינ א לעגאלער, ליבעראַל־סטאָליפּינער פארטײ. לענינ איז דעמאָלט געווענ דער אײנציקער, וואָס האָט זיכ ניט אונטערגעגעבנ דעמ אלגעמײנעמ שטראָמ אונ הויכ געהאלטנ די פאָנ פונ פארטײשקײט, צונויפזאמלענדיק די צעשטרײטע אונ צעשמעטערטע קויכעס פונ דער פארטײ מיט א זעלטענעמ גערולד אונ גוואלדיקער אײַנגעשפארטקײט, קעמפנדיק קעגנ אלעמענ אונ אלערלײ אנטיפארטײשע ריכטונגענ אינווײניק אינ דער ארבעטער־באוועגונג, פארטײדיקנדיק די פארטײשקײט מיט אנטשײדנקײט אונ אומגעהײערער אקפאָנעס.

עס איז באוווסט, אז אינ דעמ דאָזיקנ שטרײַט פאר פארטײשקײט איז לענינ געבליבנ דער זיגער.

צווײטער פאקט. דער פעריאָד פונ 1914—1917 י. י. א פעריאָד פונ פאנאנדערגעפלאקערטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע, ווענ אלע, אָדער קימאט אלע, סאָציאַל־דעמאָקראטישע אונ סאָציאליסטישע פארטײענ, אונטערגעבנדיק זיכ דעמ אלגעמײנעמ פאטריאָטישנ [46]) טשאד, האָבנ זיכ געשטעלט אינ דינסט צו דעמ פאָטערלענדישנ אימפעריאליזמ. דאָס איז געווענ א פעריאָד, ווענ דער צווײטער אינטערנאציאָנאל האָט אראָפגעלאָזט זײַנע פאָנענ פארנ קאפיטאל, ווענ קעגנ דער שאָוויניסטישער כוואליע זײַנענ ניט אײַנגעשטאנענ אפילע אזוינע מענטשנ, ווי פלעכאנאָוו, קאוטסקי, געד [47]) אונ אנדערע. לענינ איז דעמאָלט געווענ דער אײנציקער, אָדער קימאט דער אײנציקער, וואָס האָט אנטשײדנ אויפגעהויבנ א קאמפ קעגנ דעמ סאָציאַל־שאָוויניזמ [48]) אונ סאָציאַל־פאציפיזמ [49]), דעמאסקירנדיק דעמ פאראט פונ די געדס אונ קאוטסקיס אונ געשטעמפלט די וואקלדיקע פאָזיציע פונ די קלײנקעפיקע „רעוואָליוציאָנערנ“. לענינ האָט פארשטאנענ, אז ער האָט מיט זיכ א נישטיקע מינדערהײט, נאָר דאָס האָט ניט געהאט פאר אימ קײנ באשליסנדיקע באדײַטונג, ווײַל ער האָט געוווסט, אז די אײנציק־ריכטיקע פאָליטיק, וואָס האָט א צוקונפט, איז די פאָליטיק פונ קאָנסעקווענטנ אינטערנאציאָנאליזמ [50]) ווײַל ער האָט געוווסט, אז די פרינציפיעלע פאָליטיק איז די אײנציק־ריכטיקע פאָליטיק.

ס'איז באוווסט, אז אויכ אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ פאר א נײַעמ אינטערנאציאָנאל איז לענינ געבליבנ דער זיגער.

„די פרינציפיעלע פאָליטיק איז די אײנציק־ריכטיקע פאָליטיק“—דאָס איז יענע פאָרמולע, וואָס אדאנק איר האָט לענינ אײַנגענומענ נײַע „ניטצוטריטלעכע“ פאָזיציעס, געווינענדיק אפ דער זײַט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזמ די בעסטע עלעמענטנ פונעמ פראָלעטאריאט.

# דאָס גלויבנ אינ די מאסנ

טעאָרעטיקער און פירער פונ פּאַרטייענ, וואָס וויסנ די געשיכטע פונ פעלקער, וואָס האָבנ דורכגעשטודירט [61]) די געשיכטע פונ די רעוואָליוציעס פונ אָנהייב ביזנ סאָפּ, זײַנענ צומאָל אָנגעשטעקט מיט ניט קיינ אָנשטענדיקע קרענק. די דאָזיקע קרענק הייסט: מוירע פאַר די מאסנ, ניט גלויבנ אינ די שעפערישע פייִקייטנ פונ די מאסנ. אפ דעם דאָזיקנ באָדנ אנטשטייט צומאָל א מינ אריסטאָקראַטיזם בא די פירער בענעגייע די מאסנ, וואָס זײַנענ ניט באהאווונט אינ דער געשיכטע פונ רעוואָליוציעס, נאָר וואָס זײַנענ בארופנ צעברעכנ דאָס אלטע און צו בויענ דאָס נײַע. די שרעק, אז די סטיכיִע קאָנ זיכ צעבושעווענ, אז די מאסנ קאָנענ „צעברעכנ אסאַכ איבעריקס", דאָס שטרעבנ צו שפּילנ די ראָליע פונ אנ אם, וואָס באמיט זיכ צו לערנענ די מאסנ לויט ביכלעכ, וואָס וויל זיכ ניט לערנענ בא די מאסנ—אָט דאָס איז דער יעסאָד פונ אזא מינ אריסטאָקראַטיזם.

לענינ האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט דעם הייפעכ פונ אזוינע פירער. איכ קאָנ ניט קיינ אנדער רעוואָליוציאָנער, וואָס זאָל אזוי טיפ גלויבנ אינ די שעפערישע קויכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און אינ דער רעוואָליוציאָנערער צוועקמעסיקייט פונ זײַנ קלאסנ־אינסטינקט ווי לענינ. איכ קאָנ ניט קיינ אנדער רעוואָליוציאָנער, וואָס זאָל קאָנענ אזוי אָנראכמאָנעסדיק שלאָגנ די זעלבסטצופרידענע קריטיקער פונעמ „כאאָס פונ רעוואָליוציעס" און פונ דער „וואקכאנאליע פונ אומגעזעצלעכע טאטנ פונ די מאסנ" ווי לענינ. עס געדענקט זיכ, ווי בייס א שמועס, געבנדיק אנ ענטפער אפ דער באמערקונג פונ איינעמ א כאווער, אז „נאָכ דער רעוואָליוציע מוז איינגעשטעלט ווערנ א נאָרמאלע אָרדענונג", האָט לענינ סארקאסטיש [62]) באמערקט: „ס'איז אנ אומגליק, ווענ מענטשנ, וואָס ווילנ זײַנ רעוואָליוציאָנערנ, פארגעסנ, אז די נאָרמאלסטע אָרדענונג אינ דער געשיכטע איז די אָרדענונג פונ רעוואָליוציע".

דערפונ נעמט זיכ לענינס כויזעק־באציונג צו אלע די, וואָס האָבנ געקוקט אפ די מאסנ פונ אויבנ אראָפּ און באמיט זיכ צו לערנענ זיי לויט ביכלעכ. דערפונ נעמט זיכ דאָס שטענדיקע איבערכאזערנ לענינס: לערנענ זיכ בא די מאסנ, באזינענ זייערע טאטנ, גרונטלעכ שטודירנ די פּראקטישע דערפארונג פונעמ קאמפ פונ די מאסנ.

דאָס גלויבנ אינ די שעפערישע קויכעס פונ די מאסנ—דאָס איז יענע באזונדערקייט אינ לענינס טעטיקייט, וואָס האָט אים געגעבנ א מעגלעכקייט צו באזינענ די סטיכיִע און צו ריכטנ איר באוועגונג אינ די גרענעצנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

דער פאספארט, מיט וועלכנ לענינ האט געוווינט אומלעגאל, ביים דער צייטווייליקער רעגירונג.

# דער געני פונ רעוואָליוציע

לענינ איז געבאָרנ געוואָרנ צוליב רעוואָליוציע. ער איז בעעמעס געווענ דער געני פונ רעוואָליוציאָנערע אופרייסנ און דער גרעסטער מייסטער פונ רעוואָליוציאָנערער אָנפירערשאַפט. ער האָט זיכ קיינמאָל ניט געפילט אזוי פריי און פריידיק, ווי אינ דער עפּאָכע פונ רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונגען. איכ וויל דערמיט בעשום אופנ ניט זאָגנ, אז לענינ האָט באגיטיקט יעדע רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונג, אָדער אז ער איז אלעמאָל און בא אלערליי אומשטענדנ געווענ פאר רעוואָליוציאָנערע אופרייסנ. בעפּיירעש ניט. איכ וויל דערמיט בלויז זאָגנ, אז קיינמאָל האָט זיכ לענינס געניאַלע ווייטזיכטיקייט נים ארויסגעוויזנ אינ אזא פולער מאָס, און אזוי קלאָר, ווי אינ דער צייט פונ רעוואָליוציאָנערע אופרייסנ. אינ די טעג פונ רעוואָליוציאָנערע ווענדפּונקטנ פלעגט ער אופבליִענ, ווערנ א קלאָרזעער, פלעגט פאָרויסטרעפנ די באוועגונג פונ קלאסנ און די מעגלעכע זיגזאגנ פונ דער רעוואָליוציע, געזענ זיי „ווי אַפ דער דלאָניע“. ניט אומזיסט זאָגט מענ אינ אונדזערע פארטיי־קרייזנ, אז „איליטש קאָנ שווימענ אינ די כוואליעס פונ דער רעוואָליוציע, ווי א פיש אינ וואסער“.

דערפונ נעמט זיכ די „שטוינענדיקע“ קלאָרקייט פונ די טאקטישע לאָזונגענ און די „קאָפּשווינדלענדיקע“ דרייסטקייט פונ לענינס רעוואָליוציאָנערע איינפאלנ.

עס דערמאָנט זיכ צוויי באזונדער כאראקטעריסטישע פאקטנ, וואָס שטרײַכנ אונטער אָט די באזונדערקײַט פונ לענינענ.

**ערשטער פאקט.** דער פעריאָד פאר דער אָקטיאבער־איבערקערעניש, ווענ מיליאָנענ ארבעטער, פויערימ אונ סאָלדאטנ, אונטערגעיאָגטע פונעמ קריזיס אינ אינטערלאנד אונ אפנ פראָנט, האָבנ געפאָדערט פרידנ אונ פרײַהײַט; ווענ דער גענעראליטעט[53]) אונ די בורזשואזיע האָבנ געגרייט א מיליטערישע דיקטאטור אינ די אינטערעסנ פונ „מילכאָמע ביזנ סאָפ“; ווענ די גאנצע אזויגערופענע „געזעלשאפטלעכע מיינונג“, די אלע אזויגערופענע „סאָציאליסטישע פארטייענ“ זײַנענ געווענ קעגנ די באָלשעוויקעס, טרעטירנדיק[54]) זיי, ווי „דײַטשישע שפיאָנענ“; ווענ קערענסקי האָט זיכ געפרווט פארטרײַבנ, אונ אינ א געוויסער מאָס שוינ פארטריבנ אינ אונטערערד די באָלשעוויסטישע פארטיי; ווענ די נאָכ אלצ מעכטיקע דיסציפלינירטע ארמייענ פונ דער עסטרײַכ־דײַטשישער קאָאליציע זײַנענ געשטאנענ קעגנ אונדזערע פארמאטערטע אונ פאנאנדערגעלייגטע ארמייענ, אונ די מערעוו־אייראָפּייִשע „סאָציאליסטנ“ זײַנענ בעשאָלעמ געווענ אינ אייג בלאָק[55]) מיט זייערע רעגירונגענ אינ די אינטערעסנ פונ „מילכאָמע ביזנ ענדגילטיקנ ניצאָכנ“...

איז וואָס האָט באטײַט אויפצוהייבנ אנ אויפשטאנד אינ אזא מאָמענט? אויפהייבנ אנ אויפשטאנד אינ אזא לאגע הייסט — שטעלנ אלצ אפ דער קאָרט. אונ לענינ האָט ניט מוירע געהאט צו ריזיקירנ, ווײַל ער האָט געוווסט, ער האָט געזענ מיט זײַנ קלאָרזעעוודיקנ קוק, אז דער אויפשטאנד איז אומפארמײַדלעכ אונ אז דער אויפשטאנד וועט זיגנ, אז דער אויפשטאנד אינ רוסלאנד וועט צוגרייטנ דעמ סאָפ פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע, אז דער אויפשטאנד אינ רוסלאנד וועט אויפרודערנ די פארפײַניקטע מאסנ פונ מערעוו־אייראָפּע, אז דער אויפשטאנד אינ רוסלאנד וועט פארוואנדלענ די אימפעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגער־קריג, אז דער אויפשטאנד וועט ברענגענ א רעפובליק פונ סאָוועטנ, אז א רעפובליק פונ סאָוועטנ וועט זײַנ דער אָנשפאר פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג איבער גאָר דער וועלט.

ס׳איז באוווסט, אז לענינס רעוואָליוציאָנערער פאָרויסזענ איז מעקוייעמ געוואָרנ מיט אומגעהערטער פינקטלעכקײַט.

**צווייטער פאקט.** די ערשטע טעג נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווענ דער ראט פונ די פאָלק־קאָמיסארנ האָט זיכ באמיט צו צווינגענ דעמ מוירדישנ גענעראל דוכאָנינענ, דעמ הויפט־קאָמאנדיר פונ די ארמייענ, אָפצושטעלנ די מילכאָמע אונ אָנהויבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט די דײַטשנ וועגנ וואָפנ־שטילשטאנד. עס געדענקט זיכ, ווי לענינ, קרילענקאָ (דער קומענדיקער הויפט־קאָמאנדיר) אונ איכ, זײַנענ מיר אוועק אינעמ הויפט־שטאב אינ פעטערבורג צומ דירעקטנ טעלעגראפ־אפאראט צו פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט דוכאָנינענ. דער מאָמענט איז געווענ א שווידערלעכער: דוכאָנינ אונ די סטאווקע האָבנ זיכ קאטעגאָריש אָפגעזאָגט אויסצופילנ

לעניִנס פּאַרטבילעט

דעם באַפעל פונעם פּאָלק־קאָמיסאַריאַט. דער קאָמאַנדיר־באַשטאַנד פון דער אַרמײ איז אײַנגאַנצן געװען אין די הענט פון דער סטאַװקע. װאָס איז שײַך די סאָלדאַטן, איז ניט באַװוּסט געװען, װאָס װעט זאָגן די 12־מיליאָניקע אַרמײ, װאָס איז געװען אונטערטעניק צו די אַזױגערופענע אַרמײיִשע אָרגאַניזאַציעס, װאָס זײַנען געװען געשטימט קעגן דער ראַטנמאַכט. אין פּעטערבורג גופא, װי עס איז באַװוּסט, האָט דאַן אָנגעהױבן זיך גרײטן דער אױפשטאַנד פון די יונקערס. כּוצדעם, האָט קערענסקי געפירט אַ מיליטערישן אָנגריף אױף פּעטערבורג. עס געדענקט זיך, װי נאָך אַ געװי־סער פּױזע באַם טעלעגראַף־אַפּאַראַט איז לעניִנס פּנים באַשטראַלט געװאָרן מיט אױסערגעװײנלעכער שײַן. עס איז געװען קאָנטיק, אַז ער האָט שױן אָנגענומען אַ באַשלוס.

„קומט צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע״—האָט לעניִן אַ זאָג געטאָן—די ראַדיאָ װעט אונדז אַרױסהעלפן: מיר װעלן אין אַ ספּעציעלן באַפעל אַרונטערזעצן דעם גענעראַל דוכאָנין, באַשטימען אױף זײַן אָרט פאַרן הױפּט־קאָמאַנדיר דעם כ׳ קרילענקאָ און זיך װענדן צו די סאָלדאַטן איבער די קעפּ פונעם קאָמאַנדיר־באַשטאַנד מיט אַן אױפ־רוף אַרומצורינגלען די גענעראַלן, אָפּצושטעלן די קריגס־אָפּעראַציעס, זיך פאַרבינדן מיט די עסטרײַך־דײַטשישע סאָלדאַטן און נעמען דעם שאָלעם־איניען אין די אײגע־נע הענט״.

דאָס איז געװען אַ „שפּרונג אין אומבאַװוּסטקײַט״. נאָר לעניִן האָט ניט מורא געהאַט פאַר אַזאַ „שפּרונג״. פאַרקערט, ער איז אַנטקעגן געגאַנגען דעם „שפּרונג״, װײַל ער האָט געװוּסט, אַז די אַרמײ לעכצט נאָך פרידן, אַז זי װעט באַזיגן די גאַנ־צע װעלט, װעט צעשמעטערן אױף איר װעג אַלץ, אַלע שטערונגען. לעניִן האָט גע־

וווּסט, אז אזא מעטאָד אײַנצושטעלנ פרידנ, וועט האָבנ א ווירקונג אפ די עסטרײַכ־דײַטשישע סאָלדאטנ, אז דאָס וועט פארשנעלערנ די שטרעבונג צו פרידנ אפ אלע פראָנטנ אָנ אויסנאם.

עס איז באווּסט, אז דאָס דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע פאָרויסזענ פונ לענינענ איז אויכ פארווירקלעכט געוואָרנ שפּעטער מיט דער גאנצער פּינקטלעכקײַט.

די געניִאלע ווײַטזיכטיקײַט, די פייִקײַט שנעל אויפכאפּנ אונ אנטפּלעקנ דעמ אינערלעכנ זינ פונ די אָנקומענדיקע געשעענישנ—דאָס איז יענע אייגנשאפט לענינס, וואָס האָט אימ געהאָלפנ אָנצייכענענ א ריכטיקע סטראטעגיע[56]) אונ א קלאָרע ליניע פונ האנדלונג אפ די ווענדפּונקטנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

# ביילאגעס

## איליטש וועגן זיך

### אנקעטע פאר דעלעגאטן, וואָס לענין האָט אויסגעפילט אפן X צוזאמענפאָר פון ר.ק.פ.(ב)

יאָר פון געבורט — *1870*

געזונט־צושטאנד — געזונט

וועלכע שפראכן ווייסט איר? — ענגליש; דייטש; פראנצויזיש שלעכט; איטאליעניש זייער שלעכט

וואָסערע ערטער פון רוסלאנד ווייסט איר גוט און וויפל יאָר האָט איר דאָרט געלעבט? — איך ווייס דעם ביי־וואָלגע־קאנט, וווּ איך בין געבאָרן געוואָרן און געוואקסן ביז 17 יאָר.

אין וועלכע אלרוסלענדישע צוזאמענפאָרן האָט איר אָנטייל גענומען? — אין אלע, אויסער יולי אָדער אויגוסט 1917 י.

צי זיינט איר געוועזן אין אויסלאנד? — אין א ריי לענדער פון מערב־אייראָפּע אין די יאָרן 1895, 1900—1905, 1908—1917

מיליטער־צוגרייטונג — קיינע

בילדונג — אין 1891 י. געענדיקט (אויסגעהאלטן אלס עקסטערן) דעם פעטערבורגער אוניווערסיטעט אפן יורידישן פאקולטעט.

די גרונט־באשעפטיקונג ביז 1917 י. — ליטעראטער

וואָסערע ספעציאליטעטן ווייסט איר? — קיינע

מיט וואָס האָט איר זיך פארנומען נאָך 1917 י., אויסער פארטייישער, פראָפעסיאָנעלער, סאָוועטישער און אנד.? — אויסער די אָנגעוויזענע נאָר מיט ליטעראַרישער ארבעט

צו וועלכן פאריין געהערט איר אין איצטיקער צייט? — צום פאריין זשורנאליסטן

די ארבעט פון 1917 י. — פאָרזיצער פון ראטספאָלקאָם און „סטאָ"

פון וועלכער צייט זיינט איר א מיטגליד פון ר.ק.פ.? — פון 1894 י.

צי האָט איר געהערט צו אנדערע פארטייען, אויב יאָ, טאָ צו וועלכע? — נײנ ..........
אָנטײל אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג

| ווענ | ווו | אינ וועלכער אָרגאַניזאַציע |
|---|---|---|
| 1893—1892 | סאמארא | אינ די אומלעגאלע קרײַזנ פונ די סאָציאַל- |
| 1895—1894 | פעטערבורג | דעמאָקראטנ, אונ זינט עס האָט זיכ געגרינדעט |
| 1897—1895 | טפיסע | די ר.ס.ד.אר.פ.—איר מיטגליד. |
| 1900—1898 | יעניסייער גוב. | |
| 1905—1900 | אינ אויסלאנד | |
| 1907—1905 | פעטערבורג | |
| 1917—1908 | אינ אויסלאנד. | |

צי זײַט איר אונטערגעפאלנ אונטער רעפרעסיעס פאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט? —
אינ 1887 י. — א ר ע ס ט, 1895—1897 — א ר ע ס ט, 1898—1900 — ס י ב י ר,
1900 — ארעסט ..........

וויפל צײַט האָט איר פארבראכט אינ טפיסע? ע ט ל ע כ ע  ט ע ג  פ ל י ו ס
14 כ א ד אָ ש י מ ..........

אפ קאטאָרגע אָדער פארשיקונג 3 יאָר ..........
אינ עמיגראציע—9—10 יאָר ..........

# װערטערבוך

1 מארקסיסטנ — אָנהענגער פונ קאַרל מארקס לערע.
2 מארקסיזמ — די לערע פונ קאַרל מארקס — דעמ גרונטלייגער פונ װיסנשאפטלעכנ
קאָמוניזמ. אינ זײַנע װיסנשאפטלעכע ארבעטנ האָט מארקס דערװיזנ די אומ־
פארמײַדלעכקײַט פונ אומקומ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט אונ פונ
דער בורזשואזער הערשאפט אונ אז דער פּראָלעטאריאט איז „דער באגרעבער
פונ דער בורזשואזיע” אונ קעמפער פאר דער נײַער קאָמוניסטישער געזעל־
שאפט, אינ װעלכער עס װעט ניט זײַנ ניט קיינ קלאסנ, ניט קיינ גװאלדטאט,
ניט קיינ עקספּלואטאציע פונ איינ מענטשנ צומ אנדערנ. „די גרויסע אלװעלט־
לעכע היסטאָרישע פארדינסטנ פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ באשטייט אינ דעמ,
װאָס זיי האָבנ דורכ א װיסנשאפטלעכנ אנאליז דערװיזנ די אומפארמײַדלעכ־
קײַט פונ א קראכ פונ קאפּיטאליזמ אונ זײַנ איבערגאנג צומ קאָמוניזמ, אינ
װעלכנ עט װעט מער ניט זײַנ קיינ עקספּלואטאציע פונ איינ מענטשנ צומ
אנדערנ... זיי האָבנ געװיזנ די פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער זייער ראָל,
זייער אופגאבע, זייער באדופ: אופהייבנ זיכ די ערשטע אפנ רעװאָליוציאָנערנ
קאמפ קעגנ קאפּיטאל, פאראייניקנ ארומ זיכ אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ אלע
ארבעטנדיקע אונ עקספּלואטירטע” (לענינ).
3 אידענטיש — ענלעכ, דיזעלבע.
4 פאָרמולע — א געפּרעסטע דעפיניציע פונ א װעלכנ עס איז באגריפ, געדאנק.
5 ציטאטע — אנ אויסצוג פונ אנ ארטיקל, פונ א ביכל.
6 דירעקטיװ — אנ אָנפירנדיקע אָנװײַזונג.
7 אנאליז — א גענויע פאנאנדערקלײַבונג, צעלייגנ א גאנצע אפ טיילנ.
8 אנאלאָגיע — ענלעכ, גלײַכ.
9 לעגאלער — געזעצלעכער, אָפיציעל דערלויבטער.
10 פארלאמענט — א געזעצלעכער אָרגאנ, װאָס עקזיסטירט אונטער פארשיידענע
נעמענ (געמיינדנ־פּאלאטע אינ ענגלאנד, רײַכסטאג אינ דײַטשלאנד, קאָנגרעס
אינ צ.א.פ.ש. אונ א. װ.) אינ די אלע אזויגערופענע בורזשואז־דעמאָקראטישע
לענדער, ד. ה. רעפּובליקאנישע אונ קאָנסטיטוציאָנעל־מאָנארכישע. געװיינלעכ
באשטייט א פארלאמענט פונ צװיי פּאלאטעס: פונ אנ אונטערשטער, װאָס
װערט אויסגעװיילט מער אָדער װייניקער דורכ די ברייטע מאסנ, אונ אנ
אויבערשטער (סענאט, לאָרדנ־פּאלאטע א.א.װ.), װאָס אינ איר האָבנ רעכט צו
װײלנ בלויז גרויסע קאפּיטאליסטנ אונ „אָנגעזעענע” מענטשנ. דער פארלאמענט
איז אנ איידעלע געװער פונ דער בורזשואזיע אפ אָפּנארנ די מאסנ, װעלכע

װײַלנ כאָטש פאָרמעל די דעפּוטאטנ, אָבער זײ האָבנ ניט קײנ מעגלעכקײַט צו קאָנטראָלירנ זײ אונ דיקטירנ זײ זײער װילנ.

11 **אבסאָליוטיזם** — זעלבסטהערשונג, א פאָרמ פונ מעלוכישער אָרדענונג, בא װעלכער די קאָפּ פונ דער מעלוכע (צאר, אימפּעראטער) באנוצט זיכ מיט אומבאגרענעצטער מאכט.

12 **קאָנספּיראטיװער** — װאָס ארבעט געהײם.

13 **טאקטיק** — מעטאָדנ אונ טעטיקײַט, װאָס זײַנענ געװענדעט צו דערגרײכנ אנ אָנגעמערקטנ ציל. „אונטער דער טאקטיק פונ דער פארטײ פארשטײט מענ איר פּאָליטישע אופירונג, אָדער כאראקטער, אָנװענדונג, די מעטאָדנ פונ איר פּאָליטישער טעטיקײַט״ (לענינ).

14 **אוטאָפּישער** — װאָס קענ ניט פארװירקלעכט װערנ, פאנטאסטישער.

15 **ליבעראלנ** — בורזשואזע פארטײענ, אָנהענגער פונ פּאָליטישער פרײַהײַט (פרײַהײַט פונ פּריװאט־אײגנטימערישע באצײַנגענ). װעגנ די רוסישע ליבעראלנ האָט לענינ געשריבנ: „די ליבעראלנ האָבנ געװאָלט „באפרײַענ״ רוסלאנד „פונ אויבנ״, ניט צעשמעטערנדיק ניט די מאָנארכיע פונ צאר, ניט דעמ ערד־באזיצ אונ מאכט פונ די פּריצימ, ארויסרופנדיק זײ בלויז אפ „האנאָכעס״ אינ גײַסט פונ דער צײַט. די ליבעראלנ זײַנענ געװענ אונ בלײַבנ די אידעאָלאָגנ פונ דער בורזשואזיע״...

16 **„װאָס טאָנ?״** (די אָנגעװײטיקטע פראגנ פונ אונדזער באװעגונג) — אָנגעשריבנ דורכ לענינענ אינ הארבסט 1901 י.—פעװראל 1902 י. דעמ ערשטנ מאָל געװענ געדרוקט אלס באזונדער בראָשור אינ מארט 1902 י. אינ שטוטגארט (דײַטשלאנד) (לענינ, ב. IV, 3־טע אויסגאבע). רוסיש.

17 **„א טראָט פאָרויס, צװײ טריט צוריק״** (דער קריזיס אינ אונדזער פארטײ) — אָנגעשריבנ דורכ לענינענ אינ פעװראל—מײַ 1904 י. געדרוקט אלס באזונדער בראָשור אינ מײַ 1904 י. אינ זשענעװע (שװײצאריע). (לענינ, ב. VI, 3־טע אויסגאבע).

18 **פּאָלעמיק** — שטרײַט.

19 **לאסאל פ.** — אנ אָנגעזעענער טוער פונ דער דײַטשישער ארבעטער־באװעגונג. דער גרינדער פונ דעמ אלגעמײנעמ דײַטשישנ ארבעטער־פארבאנד. געשטאָרבנ אינ 1864 י.

20 **שײדעמאנ** — אײנער פונ די אָנפירער פונ דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטײ, װאָס האָט פאראטנ די רעװאָליוציע פונ 1918 אינ דײַטשלאנד אונ װאָס האָט אומבארמהאָרציק דערשטיקט די ארבעטער־באװעגונג. שײדעמאנ—אײנער פונ די שולדיקע אינ מאָרד פונ קארל ליבקנעכט אונ ראָזע לוקסעמבורג.

21 **נאָסקע**—סאָציאַל-דעמאָקראַס, „דער בלוט-הונט" פונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע. נאָכ דער רעוואָלוציע פונ 1918 י. אינ דײַטשלאַנד איז ער געווענ אַ מיניסטער פונ דער פּשאָרעמאַכערישער רעגירונג. אפּ אַ טיראַנישנ אופנ האָט ער דערשטיקט דעמ רעוואָלוציאָנערנ אופשטאַנד פונ פּראָלעטאַריאַט. אפּ אימ ליגט אינ דער צאָל פונ די איבעריקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פארנ מאָרד פונ ראָזע ליוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט.

22 **אַנטאַנטע**—דער דרײַ-אָפּמאַכ פונ פראַנקרײַכ, ענגלאַנד און צאַרישער רוסלאַנד, וואָס האָט זיכ געבילדעט אינ 1907 י., אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע 1914—1918 — דער קריגס-פּאָליטישער פאַרבאַנד פונ ענגלאַנד, פראַנקרײַכ, צאַרישער רוסלאַנד, איטאַליע און בעלגיע (צוזאַמענ מיט די צ.א.פ.ש.). נאָכנ אָקטיאַבער האָט די אַנטאַנטע אָרגאַניזירט אַנ אָנפאַל אפּ דער סאָוועטישער רעפּובליק, האָט באַוואָפנט און מיט אַלערליי מיטלענ געשטיצט די רוסישע ווײַסגוואַרדייער.

23 **מאַנופאַקטור-פּעריאָד**—דער איבערגאַנג-פּעריאָד פונ דעמ האַנטווערקערישנ וואַרשטאַט צו דער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק (אינ מײַרעוו-אייראָפּע — XVII—XVIII יאָרהונדערט). מאַנופאַקטור—דאָס זײַנענ האַנטווערקערישע וואַרשטאַטנ, אינ וועלכע דער אייגנטימער פלעגט אָנווענדנ געדונגענע אַרבעט, — די ערשטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגענ.

24 **פאָרמולירנ**—קלאָר און פּינקטלעכ אויסדריקנ אַ געדאַנק, אַ פאָדערונג.

25 **אַריסטאָקראַטיע**—פּריווילעגירטער שטאַנד (מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ באַנוצט מיט פּריווילעגיעס), ייכעסדיקער אַדלטומ.

26 **דאָ גייט אַ רייד** וועגנ די מאַפּאָלעס פונ דער צאַרישער אַרמיי אינ דער רוסיש-יאַפּאַנישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1904—1905.

27 **פּאָרטירט**—פאַרגיכערט.

28 **העגעמאָנ**—אָנפירער, פירער. די העגעמאָניע פונ פּראָלעטאַריאַט—די אָנפירנדיקע ראָל פונ פּראָלעטאַריאַט אינ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפּ. די אידיי פונ דער העגעמאָניע פונ פּראָלעטאַריאַט איז איינע פונ די גרונט-אידייענ פונ באָלשעוויזמ. זי באַזירט זיכ אפּ אַנערקענענ דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציקער קאָנסעקווענטער און ביז סאָפּ רעוואָלוציאָנערער קלאַס. „בלויז דער פּראָלעטאַריאַט,—האָט לענינ געזאָגט,—אַדאַנק דער עקאָנאָמישער ראָל זײַנער אינ דער גרויסער אינדוסטריע, איז פייִק צו זײַנ דער פירער פונ אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסנ, וועלכע די בורזשואַזיע עקספּלואַטירט, דריקט, שטיקט אָפּט ניט ווייניקער, נאָר שטאַרקער, ווי די פּראָלעטאַריער, נאָר וועלכע זײַנענ ניט פייִק צומ זעלבשטענדיקנ קאַמפּ פאַר זייער באַפרײַונג".

29 **בוליגינער דומע** — אינ פעווראל 1905 י. האָט די צארישע רעגירונג, אונטערנ דרוק פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ לאנד, געמאָלדנ וועגנ צונויפּרופנ, לויטנ פּראָיעקט פונעמ מיניסטער פונ אינערלעכע איניאָנימ בוליגינ, א געזעצ-באראטערישע דומע. דעמ 6-טנ אווגוסט איז פובליקירט געוואָרנ די מאקאָנע וועגנ וואלנ, לויט וועלכער דער פּראָלעטאריאט אונ די גרונט-מאסנ פונ פויערטומ האָבנ פארלאָרנ דאָס רעכט צו אָנטיילנעמענ אינ די וואלנ. דער אָקטיאבער-שטרײַק פונ 1905 י. האָט אראָפּגעשמעטערט די בוליגינישע דומע.

30 **קאדעטישע פארטיי** — די קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראטישע פארטיי (געקירצט — קאדעטנ) איז אָרגאניזירט געוואָרנ אינ 1905 י. דורכ די פאָרשטייער פונ די ליבעראַלע שיכטנ פונ דער בורזשואזיע אונ פּריצימ פונ רוסלאנד. די קאדעטנ האָבנ געשטעלט אלס זייער גרונט-אויפגאבע מאכנ א פשאָרע מיט דער צארישער רעגירונג צומ קאמפ קעגנ דער רעוואָליוציע. נאָכ דער פעווראל-רעוואָליוציע האָבנ די קאדעטנ דורכ דער צײַטווײַליקער רעגירונג דורכגעפירט אנ אימפּעריאַליסטישע (פארכאפּערישע) פּאָליטיק פונ דער צארישער רעגירונג („א מילכאָמע ביז א זיגרײַכנ סאָפ"). נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע זײַנענ די קאדעטנ, זײַענדיק די הויפט-אָרגאניזאטערנ פונ די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ קעגנ דער סאָוועטנמאכט, דערקלערט געוואָרנ דורכ דער ארבעטער-פויערישער רעגירונג אויסערנ געזעצ, ווי סאָנימ פונ דעמ ארבעטנדיקנ פאָלק. איצט זײַנענ די קאדעטישע עמיגראנטנ — איינע פונ די אקטיווע אָנטיילנעמער פונ צוגרייטנ א מיליטער-אָנפאל אפ פ.ס.ס.ר.

31 **„צוויי טאקטיקעס פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע"** — אָנגעשריבנ דורכ לענינענ אינ יונ—יול 1905-טנ י. צוערשט געווענ אָפּגעדרוקט אלס באזונדער בראָשור אינ זשענעווע, אינ אווגוסט 1905 י. (לענינ, ב. VIII, 3-טע אויסגאבע).

32 **„דער זיג פונ די קאדעטנ אונ די אויפגאבנ פונ דער ארבעטער-פארטיי"** — אָנגעשריבנ דורכ לענינענ דעמ 6—10 אפּרעל (24—28 מארס) 1906 י. געדרוקט אלס באזונדער בראָשור אינ אפּרעל 1906 י. אינ פּעטערבורג (לענינ, ב. IX, 3-טע אויסגאבע).

33 **אוטשרעדילקע** — פארקירצטער וואָרט פונ „אוטשרעדיטעלנאָיע סאָבראַניע" (גרינדונג-פארזאמלונג).

34 **בלאנקי אָגיוסט** (1805—1881) — א פראנצויזישער רעוואָליוציאָנער, א סאָציאַליסט. בלאנקי האָט געלייגט דעמ אָנהייב דער שטרעמונג אינ דער צווישנפעלקערלעכער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וואָס האָט געהייסנ בלאנקיזמ אונ וואָס כאראקטעריזירט זיכ מיט דער שטרעבונג מאכנ א פּאָליטישע איבערקערעניש דורכ א געהיימער פארשווערונג מיטנ אָנטייל פונ א ניט גרויסנ הײַפל ענערגישע

און אנטשלאָסענע מענטשן, אָן דעם אקטיוון אָנטייל פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאסן.

35 **פּלעכאנאָוו** (1856—1918)—אן אָנגעזעענער טעאָרעטיק פונעם רוסלענדישן מארקסיזם אין פּעריאָד פון זײַן אנטשטייונג. אפּן II צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.אר.פּ. אין 1903 י. איז ער געווען צוזאמען מיט לעניגען קעגן די מענשעוויקעס, נאָכן צוזאמענפאָר האָט ער פארנומען איין צײַט א וואקלדיקע פּאָזיציע און, סאָפקאָלסאָף, איז ער צוגעשטאנען צו די מענשעוויקעס. פון אָנהייב אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע איז ער ארויסגעטראָטן, ווי אן אנטשיידענער סאָציאַל-פּאטריאָט (א פּארטיידיקער פון דער מילכאָמע). אין 1917 י. האָט ער זיך אומגעקערט פון עמיגראציע אין רוסלאנד, האָט ארויסגעגעבן די צײַטונג „יעדינסטוואָ", אין וועלכער ער האָט געפירט א קאמפּאניע קעגן די באָלשעוויקעס. געשטאָרבן אין 1918 י.

36 **קאוטסקי קארל**—איינער פון די פירער פון דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראטיע און אָנגעזעענער טעאָרעטיק פון II אינטערנאציאָנאַל. דער אידעאָלאָג און באגײַסטערער פון סאָציאַל-פאשיזם, וואָס לייקנט אָפּ די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. א פארביסענער סוינע פון סאָוועטן-פארבאנד, וואָס האָט אָפּן גערופן צו אינטערווענציע.

37 **אקסעלראָד פּ.** (1850—1928)—איינער פון די גרונטלייגער אין 1883 י. די גרופּע „באפרײַונג פון ארבעט". אפּן II צוזאמענפאָר אין 1903 י. האָט ער פארטיידיקט דעם שטאנדפּונקט פון די מענשעוויקעס און פון דעמלט אָן האָט ער געפירט א ווילדן קאמף מיטן באָלשעוויזם. געווען איינער פון די פירער פון ליקווידאטורײַ. נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע—א קעגנער פון סאָוועטן-מאכט, וועלכער איז איבערגעגאנגען אין לאגער פון דער קאָנטררעוואָליוציע.

38 **אָביעקטיוו**—אָן אייגענער פארינטערעסירטקײַט.

39 **„איסקרא"**—א צײַטונג, וואָס איז אָרגאניזירט דורך לעניגען אין 1900 י. האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָל אין דער אָרגאניזאציע פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי און אין קאמף מיטן אָפּאָרטוניזם („עקאָנאָמיזם"). „די דרײַיאָריקע (1900—1903) טעטיקײַט פון דער „איסקרא" האָט אויסגעארבעט אויך די פּראָגראם פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פארטיי, און דעם גרונט פון איר טאקטיק, און די פאָרמען פונעם פארייניקן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאמף אפּן גרונט פונעם אויסגעהאלטענעם מארקסיזם" (לעני ן). אין הארבסט 1903 י., נאָך דעם פאראט פון פּלעכאנאָוון (וואָס איז ארײַנגעגאנגען אין רעדאקציע „איסקרא") און נאָך זײַן איבערגיין צו די מענשעוויקעס, איז לעניג ארויסגעגאנגען פון באשטאנד פון דער רעדאקציע „איסקרא" און די „איסקרא" איז געוואָרן אן אָרגאן פון די מענשעוויקעס; האָט עקזיסטירט ביז 1905 י.

40 **מאַרטאָוו ל.** (יו. א. צעדערבאום) — א פירער פונ מענשעוויזם. נאָכ אָקטיאַבער 1917 י. — א קעגנער פונ סאָוועטנמאַכט. אינ 1921 י. האָט ער עמיגרירט אינ אויסלאַנד, ווו ער איז געשטאָרבנ אינ 1923 י.

41 **אימפּאָנירט** — רופט ארויס אכטונג, שעצונג.

42 **ארגומענטאַציע** — א דערווייַזונג.

43 **אודיטאָריע** — צוהערער.

44 **פּרינציפּיעל** — ארויסגייענ פונ געוויסע גרונט־האַנאָכעס־פּרינציפּנ.

45 **ליקווידאַטאָרישקייַט** — אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג אינ דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז אנטשטאַנענ אינ די יאָרנ פונ רעאַקציע. די פאָרשטייער פונ דער דאָזיקער שטרעמונג (ליקווידאַטערנ) האָבנ נאָכ דער רעוואָליוציע פונ 1905 י. געהאַלטנ, אַז פאָרויס ליגט א לאַנגער פּעריאָד פונ פארהעלטנישמעסיק פרידלעכנ קאַמף פונ פּראָלעטאַריאַט אינ די באַדינגונגענ פונ „קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע“. פונ דאַנענ איז זייער שטרעמונג צו ליקווידירנ די אונטערערדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי, אָפּזאָגנ זיכ פונ אומלעגאַלער (אונטערערדישער) ארבעט. די באָלשעוויקעס, אינדערשפּיצ מיט לענינענ, האָבנ געפירט אנ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קאַמף מיט דער ליקווידאַטערישקייַט אינ אלע אירע דערשייַנונגענ און זיי האָבנ אייַנגעהיט א פעסטע אומלעגאַלע פּארטיייִשע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פארזיכערט די העגעמאָניע פונ פּראָלעטאַריאַט אינ דער פעברואַר־רעוואָליוציע און דעם זיג אינ אָקטיאַבער 1917 י.

46 **פּאַטריאָטישנ** — פונ דעם וואָרט פּאַטריאָטיזמ, ד. ה. ליבע צום אייגענעמ געבורט־אָרט, צו דעמ אייגענעמ פאָטערלאַנד. אונטער דער פאָנ „ליבע צומ אייגענעמ פאָטערלאַנד“ נארט אָפּ די בורזשואַזיע די ארבעטנדיקע, זיימ האַס צו אנדערע פעלקער און גרייט נייַע פארכאַפּערישע מילכאָמעס.

47 **געד** — אנ אָנגעזעענער טעאָרעטיק פונ II אינטערנאַציאָנאַל און גרינדער פונ דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטיי. אינ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע 1914—1918 יאָר איז ער ארויסגעטראָטנ, ווי א באַשיצער, ד. ה. פאַר א קאָמפּראָמיס מיט דער בורזשואַזיע פאַר געמייַנזאַמ פארטיידיקנ (באַשיצנ) דאָס פאָטערלאַנד, און איז אריַינגעטראָטנ אינ דעמ בורזשואַזנ מיניסטעריומ.

48 **סאָציאַל־שאָוויניסטנ** — מיטגלידער פונ די סאָציאַליסטישע פארטייענ, וואָס אנערקענענ די נויטווענדיקייַט צו „פארטיידיקנ דאָס בורזשואַזע פאָטערלאַנד“ אינ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. די סאָציאַל־שאָוויניסטנ העלפנ זייער בורזשואַזיע רויבנ און שטיקנ די קליינע שוואַכע פעלקער. „...דער סאָציאַל־שאָוויניזמ (סאָציאַליזמ אינ וואָרט, שאָוויניזמ אינ דערווירקלעכקייַט) איז

א פולשטענדיקער פאראט דעמ סאָציאַליזמ, א כולשטענדיקער איבערגאנג אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע" (לענינ).

49 **פאציפיזמ** — פרידנליבע, פרידנשאפונג — א בורזשואזע שטרעמונג, וואָס באזירט זיכ אפ דעמ, וואָס מע קענ זיכ דערשלאָגנ, קלוימערשט, אז עס זאָלנ אופהערנ אלערליי מילכאָמעס דורכ א פרידלעכנ אָפמאכ פונ די מאָדערנע קאפיטאליסטישע לענדער. נאָר „...באמ קאפיטאליזמ אונ באזונדערס אינ זײַנ אימפעריאליסטישער סטאדיע, זײַנענ מילכאָמעס אומפארמײַדלעכ" (לענינ). זיי זײַנענ אנ אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פונ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ גופע אונ וועלנ עקזיסטירנ, ביז וואנענ די מענטשהײַט וועט ניט דערלייזט ווערנ פונ קאפיטאליזמ. דעריבער איז פאציפיזמ א שעדלעכע אידייע, מיט וועלכער מע סטארעט זיכ אָפווענדנ דעמ פראָלעטאריאט פונ קלאסנקאמפ אונ רעוואָלוציעס — די איינציקע וועגנ צו פארניכטנ דעמ קאפיטאליזמ אונ די מילכאָמעס, וואָס ער אָרגאניזירט. סאָציאַל־פאציפיזמ — דאָס איז סאָציאַליזמ אפנ וואָרט, אונ אינ דער ווירקלעכקײַט איז דאָס שטיצונג פונ די פאציפיסטישע אידייענ.

50 **אינטערנאציאָנאליזמ** — צווישנפעלקערלעכע פראָלעטארישע סאָלידאריטעט.

51 **דורכגעשטודירט** — אופמערקזאמ דורכלייענענ, אויסלערנענ.

52 **סארקאסטיש** — כויזעק מאכנ.

53 **גענעראליטעט** — העכערע מיליטער־ראנגענ, אינ געגעבענעמ פאל די אָנפירער פונ דער געוועזענער צארישער ארמיי.

54 **טרעטירנדיק** — באציענדיק זיכ מיט פאראכטונג.

55 **א בלאָק** — א צײַטווײַליקע אײַנשטימונג, א פארבאנד פונ פאָליטישע פארטייענ, וועלכע פארווירקלעכנ געמיינזאמ א וואָסער עס איז אופגאבע.

56 **סטראטעגיע** — לויט דעמ כ' סטאלינס דעפיניציע: „סטראטעגיע הייסט באַשטימענ די אָנווענדונג פונעמ הויפט־קלאפ פונ פראָלעטאריאט אפנ גרונט פונעמ געגעבענעמ עטאפ פונ דער רעוואָלוציע, דאָס אויסארבעטנ אנ אנטשפרעכנדיקנ פלאנ פונ דער פאנאנדערשטעלונג פונ די רעוואָלוציאָנערע קויכעס (די הויפט־ אונ צווייטראנגיקע רעזערוונ), דער קאמפ פאר דורכפירנ דעמ דאָזיקנ פלאנ אינ משעכ פונעמ געגעבענעמ עטאפ פונ דער רעוואָלוציע".

# אינהאלט

## לענינ אלס אָרגאניזאטער אונ פירער פונ רקפּ

1. לענינ אלס אָרגאניזאטער פונ דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פארטיי
2. לענינ אלס פירער פונ דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פארטיי

## וועגנ לענינענ


| | |
|---|---|
| דער בארג־אָדלער | 13 |
| באשיידנקייט | 14 |
| די קראפט פונ לאָגיק | 16 |
| אָנ כניקעריי | 17 |
| אָנ גרויסהאלטעריי | — |
| פּרינציפּיעלקייט | 18 |
| דאָס גלויבנ אינ די מאסנ | 20 |
| דער געני פונ רעוואָליוציע | 21 |


## ביילאגעס


| | |
|---|---|
| איליטש וועגנ זיך | 25 |
| ווערטערבוך | 27 |

רעדאקטער—י. ליוושיצ
טעכרעדאקטער, ליטקאָרעקטור — קארפינאָוויטש

אָפּגעגעבנ אינ דרוקערײַ—20/IX 1933 י.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק—5/I 1934

דרוקערײַ א. נ. סטאלינ. באשטעלונג 2577. טיראזש 5000. גלאווליטבעל 1563